אידישע העלדן

שפּאַנענדער ראָמאַן פון׳ם אידישן לעבן אין דער צייט פון דער גרויסער מלחמה

פון י. נ.

(פאַרטזעצונג)

—ניין, ניט אַלע ליידן אזוי ווי מיר אידן! — האָט דער אַלטער איד געזאָגט מיט א קרעכץ, — אַנדערע ליידן פון מלחמה, פון דעם שונא׳ ווען ער באַפאַלט זיי; מיר אָבער ליידן אָן מלחמה, פון אייגענע! פאַרוואָס האָט אונזער שטעטל געמוזט חרוב ווערן פון אונזערע אייגענע רוסישע סאָלדאַטן? פאַרוואָס האָבן די אידישע הייזער געמוזט ווערן אויסגערויבט און די אידישע פרויען געשענדעט נאָר אָן מלחמה, נאָר פון אונזערע אייגענע לאַנד באַשיצער? פאַרוואָס האָבן זיי מיין הויז צעשטערט און מיין פאַמיליע צעריסן? איך פרעג אייך, ווער האָט עס געטאָן? דער שונא? ווער האָט דערשאָסן מיין קינד?

—אייער קינד דערשאָסן?! האָט פּאַטער אגאַפּאַן אויסגערופן מיט שרעק און דערשטוינונג, — ווער האָט עס געטאָן?

— אונזערע — אייערע רוסן! — האָט דער אַלטער ר׳ שמשון געענטפערט און די ווערטער האָבן אים געשטעקט אין האַלז, — אייערע רוסן האָבן איר דערשאָסן, און ניט קיין שונא; פאַר א קריגס געריכט האָט מען איר געשלעפּט, מיין אומגליקלאַכער און אומשולדיקער טעכטער, צום טויט האָט מען איר פאַר׳משפּט — אייער רוסישער משפּט!

די שרעקלאַכע וואונד אין דעם אַלטנס האַרצן האָט זיך ווייט פאַנאַנדערגעריסן, ער האָט גערעדט מיט גאַל, מיט ביטערקייט, זיין גאַנצער קערפּער האָט געצאַטערט מיט האַס!

— צום טויט פאַר׳משפּט? — האָט פּאַטער אגאַפּאַן איבערגעפרעגט מיט ציטערנדיקע ליפּן, — פאַרוואָס?

— ווייל זי האָט פאַרטיידיקט איר ערע קעגן א ווילדער חיה (סאָלדאַט) פון גענעראַל׳ס בעזומאַוו׳ס אַרמיי, — האָט ר׳ שמשון ר׳ יודל׳ס געענטפערט, — עס איז א פאַרברעכן פון א אידישער מיידל אין רוסלאַנד׳ ווען זי לאָזט זיך ניט פאַרגוואַלטיקן; זי איז א פאַרברעכערין צום לאַנד, ווען זי טויטעט א ווילדע חיה!

דער אַלטער גלח מיט דער שניי ווייסער באָרד, מיט די גרויסע ברילן אויף דער נאָז איז געשטאַנען אומבאַוועגלאַך ווי א מראַמאָרנע זייל, נאָר זיינע ליפּן האָבן ווידערהאָלט געמורמלט:

— דאָס איז שרעקלאַך! דאָס איז אומגלויבלאַך! און איך האָב גאָרניט געוואוסט!

דער אַלטער ר׳ שמשון האָט אויסגעזעען ווי פאַרבלענדעט אין דעם געפיל פון האַס און ראַכע, זיין שרעקלאַכער ווייטאָג האָט אים שיר אַראָפּגעבראַכט פון זינען.

— ניט געוואוסט? — האָט ער גערעדט מיט גאַל, — ביי אייך אין הויז בין איך געווען, איך האָב דאָרטן אַלעס דערציילט, הילף האָב איך געבעטן, און איר האָט גאָרניט געוואוסט?!

פּיטקילובאָוו, דער אַקציזניק וועלכער האָט מיין אומגליקלאַכער טעמען פאַרהאַלטן, האָט אויך ניט געוואוסט, אַז ער איז געווען א שטענדיקער באַזוכער אין מיין הויז — און באַסיאַקאָוו דער פּריסטאַוו, וועלכער האָט איר איבערגעגעבן צו די מיליטערישע נאַטשאַלסטוואַ, האָט אויך ניט געוואוסט, אַז ער האָט אימער געקראָגן פון מיר כאַבאַר — קיינער האָט ניט געוואוסט — קיין רוסישער טשינאָווניק וויים ניט און קאָן ניט דעם אידן, וועלכער זוכט ביי אים הילף!

פּאַטער אגאַפּאַן האָט געפילט די שרעקלאַכע באַליידיקונג׳ דעם פּאַטש אין פּנים, וואָס דער אַלטער איד האָט אים געגעבן, פאַרגלייכנדיק אים צו דעם אַקציזניק און צו דעם פּריסטאַוו. אָבער ווי אַן אמת׳ר גרויסער דולדער האָט ער, פּאַטער אגאַפּאַן, וועלכער האָט אַליין געליטן פון דער רוסישער אומגערעכטיקייט, פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. ער האָט געוואוסט אַז ער קאָן דעם אַלטן מאַן ניט האַלטן פאַראַנטוואָרטלאַך — זיין ווייטאָג איז צו גרויס.

און דער אַלטער ר׳ שמשון האָט ניט מער געקאָנט צוריקהאַלטן דעם שטראָם פון זיין צעווייטאַקט האַרץ און האָט ווייטער גערעדט:

— ווער נאָך אזוי ווי איך ווייס ווי אידן ליידן פון דער מלחמה? דער שונא איז נאָך ווייט. זיינע האַרמאַטן זיינען נאָך ניט אויסגעשטעלט, דער קריג האָט אונז נאָך ניט דערגרייכט; אָבער אידישע לעבנס זיינען שוין הפקר, אידיש האָב און גוטס ווערן צעראַבירט, און אידישע פרויען און מיידלאַך ווערן געשענדעט אין די גאַסן, און דאָס זיינען ניט די פּראָסטע סאָלדאַטן אַליין, נאָר אייער גאַנצע מיליטערישע נאַטשאַלסטוואַ, אייערע אייגענע אָפיצערן. ווי לאַנג צוריק האָט אייער קאַפּיטאַן כוואַסטונאָוו פאַרשלעפּט אין מיין הויז די אומגליקלאַכע אידישע מיידל!

פּאַטער אגאַפּאַן וועלכער האָט די גאַנצע צייט זיך געצייגט צו זיין רואיק, איז פּלוצלונג געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט.

— כוואַסטונאָוו, זאָגט איר, האָט צו אייך אין הויז געבראַכט א געפאַנגענע אידישע מיידל? — האָט ער געפרעגט.

— מיינט איר ניט דעם קאַפּיטאַן אַלעקסאַנדער ניקאָלייעוויטש כוואַסטונאָוו?

— יאָ, טאַקע אים מיין איך! — האָט ר׳ שמשון ר׳ יודל׳ס געענטפערט, ענערגיש א נויג טוענדיק מיט׳ן קאָפּ. — צו מיר האָט ער געבראַכט די אומגליקלאַכע! איך האָב געזאָלט זיין דער פאַקטאָר, אים העלפן אין דעם שענדלאַכן פאַרברעכן, מיין הויז האָט ער געמאַכט פאַר א "הייזקע", דען מיר, דעם אַלטן מאַן, האָט ער געמאַכט פאַראַנטוואָרטלאַך, אויב די געפאַנגענע וועט אַנטלויפן!

— ווער איז געווען די אומגליקלאַכע און פאַרפירטע מיידל? — האָט פּאַטער אגאַפּאַן געפרעגט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם.

—א מיסליצער איז זי געווען, פון דעם אומגליקלאַכן גאַליציע, — האָט ר׳ שמשון געענטפערט, — די טאָכטער פון א רייכן און אָנגעזעענעם אידן, וועלכן אייער כוואַסטונאָוו האָט דערמאָרדעט. מיין גאָט פאַרוואָס האָסטו אויסגעגאָסן דיין צאָרן אויף דעם אידישן פאָלק? — גאַליציע און רוסיש - פּוילן!

דער אַלטער רוסישער פּאָפּ האָט אויסגעזעען טיף דערשלאָגן. ער איז נאָך אימער געשטאַנען אזוי ווי צוגעשמידט צו זיין פּלאַץ, קוקנדיק דורך זיינע פייכטגעוואָרענע אויגן אין דעם פּנים פון דעם אידישן זקן, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם טיפסטן שמערץ. דאַן האָט ער פּלוצלונג אָנגענומען ר׳ שמשון׳ס האַנט, וועלכע ער האָט שטאַרק געדריקט און ער האָט מיט א רירנדיקער שטימע געפרעגט:

— ווילט איר דען מיך באַשולדיקן פאַר כוואַסטונאָוו׳ס מעשים און פאַר די מעשים פון אַנדערע ווי ער?

— איך באַשולדיק ני טאַייך׳ פּאָפּ אגאַפּאַן, — האָט ר׳ שמשון געענטפערט שוין ווייכער, — און איך באַשולדיק ניט אויך אייער פּראַוואָסלאַוונע רעליגיע, וואָרום קיין רעליגיע לערנט ניט א מענש צו זיין אַן אויסוואָרף און א מערדער; אָבער פאַרוואָס איז רוסלאַנד אזוי שלעכט צו אידן? פאַרוואָס ווערן מיר פון אייך אזוי פאַרפאָלגט?

עס איז געווען קאָנטיק, אַז פּאַטער אגאַפּאַן האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן, נאָר ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן.

— מיך אינטערעסירט זייער אייער געשיכטע מיט דער אומגליקלאַכער מיידל פון גאַליציע, — האָט ער דאַן באַמערקט מיט אַן אומזיכערער שטימע, — ווילט איר מיר זאָגן ווען כוואַסטונאָוו האָט איר געבראַכט אין אייער הויז?

— נאָך זיין ערשטן איבערפאַל אויף גאַליציע, — האָט ר׳ שמשון געענטפערט ביטער, — דאַמאָלסט ווען גאַנץ רוסלאַנד פון איין עק ביז דעם צווייטן איז געווען פאַרקלונגען מיט זיינע העלדנטאַטען אין דעם שונא׳ס לאַנד. אָט דאָס איז די העלדישקייט פון א כוואַסטונאָוו, פאַרשלעפּט אַן אומגליקלאַכע אידישע מיידל צו שאַנדע!

דער אַלטער איז פּלוצלונג שטיל געבליבן.

— ווען איר זאָלט איצט וועלן פּאָפּ אגאַפּאַן, האָט ר׳ שמשון פאָרטגעזעצט מיט א ביטערער שטימע, — קאָנט איר פאַר מיינע ווערטער מיך איבערגעבן צו דער מיליטערישער מאַכט פאַר א קריגס געריכט. ווי פּיטקילובאָוו האָט געטאָן מיט מיין אומגליקלאַכער טעמען; אָבער איך זאָג אייך אַז איך האָב קיין מורא ניט, מעג איך האָבן מיין טעמעס סוף, עס וועט פיליייכט זיין בעסער פאַר מיר!

— איך האָב ווירקלאַך ניט פאַרדינט איר זאָלט מיך באַליידיקן, — האָט דער אַלטער פּאָפּ זיך געבעטן, — איך בין געקומען צו אייך ווי א פריינד! איך בין ניט קיין שפּיאָן, ניט קיין מסור און איך בין ניט פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר די כוואַסטונאָוו׳ס. איר זייט דאָך א איד, ווייסט איר דאָך, וואָס דער נביא יחזקאל האָט געלערנט: — יעדער מענש לייד׳עט פאַר זיין אייגענער זינד. — זאָגט מיר בעסער, וואו איז איצט יענע געפאַנגענע מיידל?

— זי איז ניטאָ מער אין מיין הויז, — האָט ר׳ שמשון געענטפערט קורץ.

— איז זי אַנטלאָפן? — האָט פּאַטער אגאַפּאַן געפרעגט געשפּאַנט.

— ניין!

— האָט איר כוואַסטונאָוו אוועקגעפירט פון אייך?

דער אַלטער איד האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרדעכטיקטע בליקן.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, פּאָפּ אגאַפּאַן, — האָט ער געפרעגט קאַלט, — פאַרוואָס נעמט איר אַזאַ אינטערעס אין דער פרעמדער אידישער מיידל? איך ווייס אַז פילע אידן אין לאַצק פלעגן קריגן ביי אייך הילף, איר פלעגט טאָן גרויסע טובות, אָבער עס מוז דאָך זיין עפּעס מער ווי געוויינלאַכער אינטערעס, ווען איר פרעגט זיך נאָך אזוי שטאַרק אויף אַן עלנטער מיידל פון א פרעמדן לאַנד?

פּאַטער אגאַפּאַן האָט ניט געענטפערט, ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. ער האָט געקעמפט מיט זיך אַליין. ר׳ שמשון האָט אים אָנגעקוקט מיט דורכדרינגענדיקע בליקן.

— איר האָט מיך נאָך ניט געענטפערט פּאָפּ אגאַפּאַן, — האָט ער באַמערקט, — ווילט איר זיך זעצן?

ערשט איצט האָט פּאַטער אגאַפּאַן זיך אוועקגעזעצט אויף א שטול קעגן ר׳ שמשון׳ען.

— איר ווייסט אַז איך בין געקומען אין לאַצק, אום צו נעמען פון אַלעמען אָפּשייד, ווייל איך פאַרלאָז די שטעטל? — האָט ער געפרעגט.

— איך פאַרלאָז די שטעטל ניט מיט מיין אייגענעם ווילן, — האָט פּאַטער אגאַפּאַן ווייטער פאָרטגעזעצט, — נאָר ווייל מיין דוכאָווניע נאַטשאַלסטוואַ זעצט מיר איבער אין א ווייטן און פאַרוואָרפענעם ווינקל, וואו מיין אַרבעט איז מער נויטיק, אזוי הייסט עס אויף׳ן קאַזיאָנעם לשון; אָבער ווייסט איר וואָס דאָס באַדייטעט?

ר׳ שמשון האָט א שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ אַלס צייכן אַז ער ווייס ניט.

— דאָס באַדייטעט, — האָט פּאַטער אגאַפּאַן געענטפערט מיט א פינסטערער מינע, — אַז איך בין א פאַרשיקטער, איך גיי אויף פּאָסעלעניע, ווייל מען האָט מיך פאַרקלאָגט און איך בין געשטאַנען פאַר א קריגס געריכט. איך פאָר געצוואונגענערהייט און איך מוז שוין היינט פאָרן, אזוי איז דער באַפעל פון מיין נאַטשאַלסטוואַ.

(פאַרטזעצונג קומט)

ווייטערדיקע ביישטייערונגען צום פאָלקס געצייג קאַמפּיין פאַר די דעקלאַסירטע אידן אין רוסלאַנד

נעי און גאָלאָסאָף	$10.00	ה. העכט	$10.00
פינקלשטיין און קאָ.	$15.00	האָכמאַן און זאַגראַבעלנא	$10.00
דזש. סוראַק	$10.00	מ. האיך	$10.00
ס. גרינבערג (אַדוואָקאַט)	$10.00	שעפּס איידזשענסיס	$10.00
וואָלש און קאָ.	$10.00	ד. באַריש	$10.00
אַראָנאָוויטש און לייפּסיק	$20.00	טש. טערמאַן	$10.00
סורעס ברידער	$15.00	מאַקס פינקלשטיין	$25.00
ל. סערלעצקי	$10.00	ס. רינגער	$10.00
דר. ה. גרינבערג	$10.00	ט. וואָלש	$10.00
שיקאַגאָ קשר וואורשט פאַבריק	$10.00	ב. דזשייקאָב	$25.00
יוניאָן פּיועל קאָ.	$15.00	מ. מאָסקאָוויטש	$10.00
וויניפּעג לאָמבער און פּיועל קאָ.	$10.00	מאַרקוס היימאַן	$10.00
משה פינקלשטיין	$10.00	בלים, קירשנער און קאָהען	$15.00
מ. ה. לעווינסאָן	$25.00	א. כוטאָראַן	$10.00
מאַקס שטיינקאָפּ	$50.00	מאַניטאָבאַ פרי לאָאַן	$10.00
ס. האַרט גרין	$25.00	צוגעשיקט פון באַסעזשור	$28.00
דר. ב. דזש. גינזבורג	$15.00	טיי ביי מרס. טשערניאַק	$255.56
ע. מילער	$10.00		

יערלאַכער באַריכט פון עקסעלסיאָר לייף גוטער יאָר פאַר פּאָליסיהאָלדערס

ביים פערציקסטן יערלאַכן מיטינג פון דער עקסעלסיאָר לייף אינשורענס קאָ. אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון אַלעקס. פּעסקען, קיי. סי. איז אָפּגעגעבן געוואָרן א גלענצענדער באַריכט צו די שערהאָלדערס און פּאָליסיהאָלדערס.

נייע ביזנעס אַרויסגעגעבן אויף 20 מיליאָן 697 טויזנט און 633 דאָלאַר.

אינשורענס איצט אין קראַפט 92 מיליאָן, 859 טויזנט, 104 דאָלאַר און 13 סענט. און עס ווערט דערוואַרטעט, אַז דאָס יאָר וועט דער ציפער איבערשטייגן הונדערט מיליאָן דאָלאַר.

די פּרעמיאום איינקונפט האָט דערגרייכט דעם הויכן טאָטאַל פון 2 מיליאָן, 876 טויזנט, 663 דאָלאַר און 98 סענט, און דער טאָטאַל איינגאַמע פון פּירמעס, אינטערעסט, רענט, א. א. וו. איז געווען 3 מיליאָן, 769 טויזנט, 865 דאָלאַר און 79 סענט.

די סומע פון צאָלונגען צו פּאָליסיהאָלדערס אָדער זייערע בענעפישערים האָט דערגרייכט צו איין מיליאָן 507 טויזנט, 593 דאָלאַר און 18 סענט. פּראָפיטן צו פּאָליסי האָלדערס איז אויף 62 טויזנט, 532 דאָלאַר און 90 סענט מער ווי אין יאָר 1928.

די שטערבלאַכקייט איז געווען קלענער ווי דערוואַרטעט.

די עסעטס באַטרעפן 16 מיליאָן, 348 טויזנט, 675 דאָלאַר און 83 סענט. — א וואוקס פאַר׳ן יאָר אויף 1 מיליאָן, 381 טויזנט, 55 דאָלאַר און 35 סענט, און זיינען פאַר דער זיכערקייט פון די פּאָליסיהאָלדערס. פון דער סומע איז 7 מיליאָן 717 טויזנט, 373 דאָלאַר און 27 סענט, אָדער איבער 55 פּראָצענט, זיינען באָנדס אָדער דעבענטשורעס פון ערשטן קלאַס. קיין אינוועסטמענטס זיינען ניט געמאַכט געוואָרן אין קאָמאָן סטאָקס. דער פאַרדינסט פון פּראָצענט פאַר׳ן יאָר אין דורכשניט איז געווען 5.92 פּראָצענט.

רעזערוו פאָנדן פאַר פּאָליסי האָלדערס זיינען אָפּגעלייגט געוואָרן אין אָנקלאַנג מיט די רעגולאַציעס פון דאָמיניאָן אינשורענס דעפּאַרטמענט. און א ספּעשל רעזערוו פאָנד פון פופצן טויזנט דאָלאַר איז אָפּגעלייגט געוואָרן פאַר ניט באַריכטעטע טויטן-פאַלן און הונדערט, טויזנט דאָלאַר, — פאַר דעפּרישיאיישאָן און אַנדערע אינוועסטמענטס.

דער סורפּלוס פאָנד, אויסגעשלאָסן פון די אויבן דערמאָנטע רעזערוו פאָנדן, האָט זיך פאַרגרעסערט ביי 198 טויזנט, 830 דאָלאַר און 60 סענט, צו 2 מיליאָן, 289 טויזנט, 915 דאָלאַר און 87 סענט.

ביים סוף יאָר 1929, האָט די קאָמפּאַני פאַרלאָרן איר פּרעזידענט, דער פאַרשטאָרבענער דייוויד פּעסקען, קיי סי., וועלכער האָט אָנגעפירט די קאָמפּאַני פאַר 30 יאָר צייט. ער איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון זיין ברודער, אַלעקס פּעסקען, קיי. סי. פּרעזידענט פון דער באָאַרד פון טאָראָנטאָ וועסטערן האָספּיטאַל, וויצע-פּרעזידענט פון פּראָווינשל פּייפּער לימיטעד, א. א. וו.

מר. דזשיימס ל. ראָס, פון ראָס, ראָס און פּילד, אַדוואָקאַטן א. א. וו. איז דערוויילט געוואָרן ערשטער וויצע-פּרעזידענט.

דזשאָרדזש ר. וואַרוויק, פּרעזידענט פון וואַרוויק בראָדערס און רוטער, לימיטעד, איז דערוויילט געוואָרן צווייטער וויצע-פּרעזידענט.

דזשאָרדזש ס. קילבאָרן פון אָוען סאַנד, אָנט., איז דערוויילט געוואָרן דירעקטאָר אויפ׳ן פּלאַץ פון דעם פאַרשטאָרבענעם דזשאָזעף ווריט.

16 אידישע קראָמען אָפּגעברענט אין קרעסלאָווקי

פון ריגא מעלדעט מען:

אין קרעסלאָווקא איז מיט אַמאָל אויסגעבראָכן א שרעקלאַכע שריפה: עס האָבן זיך אָנגעצונדן די הילצערנע קראָמען, וועלכע געפינען זיך אין צענטער פון דער שטאָט און אין איין מינוט האָט עס אַרומגעכאַפּט א גאַנצע רייע מיט קראָמען. צווישן דער באַפעלקערונג איז אויסגעבראָכן א פּאַניק. צו הילף די פייערלעשער איז פון דווינסק טעלעפאָניש אַרויסגערופן געוואָרן די דאָרטיקע פרייוויליקע פייערלעשער געזעלשאַפט. צום אומגליק האָט דער ניי-געקויפטער בענזין-מאָטאָר ניט געאַרבעט, ווייל ער איז געווען פאַרפרוירן, און עס האָט געדויערט א רעכטע צייט ביז מען האָט אים דערוואַרעמט.

די שריפה האָט געדויערט צוועלף שעה. עס זיינען אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן 21 קראָמען (אַלע אידישע), דאָס רוב פון וועלכע געהערן צו אומפאַרמעגלאַכע קליינע קרעמער.

עס איז כדי אָנצווייזן, אַז מיט א געוויסער צייט צוריק האָט די היגע פּאָליציי און שטאָט פאַרוואַלטונג באַקומען אַנאָנימע בריוו, אין וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז זיי זאָלן זיך גרייטן אויף א שריפה פון די הילצערנע רייען קראָמען. מען האָט אָבער ניט געלייגט קיין אַכטונג אויף די וואָרנונגען פון די אומבאַקאַנטע פּערזאָנען.

די שריפה האָט באַלד אָנגענומען אַזאַ פאַרנעם, אַז עס איז געווען אַן ערנסטע סכנה פאַר דער גאַנצער שטאָט, נאָר א דאַנק דער ענערגישער אַרבעט פון דער פייערלעשער געזעלשאַפט האָט זיך איינגעגעבן די שריפה אָפּצושטעלן.

די אַלגעמיינע הזיקות דערגרייכן ביז 40.000 לאַט.

איד פאַרוואונדעט אין א חסידים שטיבל

וואַרשע. — צו דער פּאָליציי פון וואַרשע האָט מען געמעלדעט, אַז מען האָט "דער׳הרג׳עט" אַן עלטערן אידן אין א חסידים שטיבל אויף זאַמענהאָפסקא גאַס.

ווען די פּאָליציי איז אַריינגעקומען אין שטיבל, האָט זי געפונען די טיר אָפן און אויף דער פּאָדלאָגע איז טאַקע געלעגן א איד, וועלכער איז געווען שטאַרק פאַרבלוטיקט און געקרעכצט און גערופן: "ראַטעוועט מיך! זיי האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן דאָס שטיבל, האָבן זיי מיך גע׳ממית׳ט . . .

אין שטיבל איז א חוץ דעם פאַרוואונדעטן אידן קיינער ניט געווען.

דער פאַרוואונדעטער איז שטראַבערט, 62 יאָר אַלט. מען האָט אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל אין א שווערן צושטאַנד.

לויט ווי עס ווערט פאַרשטאַנען איז דער אַלטער איד פאַרוואונדעט געוואָרן אין א געשלעגע צווישן קוזמירער און מאַדזשירער חסידים יעדער פון די צוויי צדדים האָט געוואָלט פאַרכאַפּן דאָס שטיבל, צוליב וועלכן עס איז שוין לאַנג אָנגעגאַנגען א שאַרפער קאַמף.

קווינס טעאַטער

קומט באַגריסן אונזערע געסט—דירעקט פון ניו יאָרק.

לואיס קרעמער פלאָרענס וויים משה אוישער

ערשטער אויפטריט

פרייטאָג און שבת, יאַנואַר 31טן און פעברואַר 1טן

צום ערשטן מאָל אין וויניפּעג, ניו יאָרקס גרויסער סוקסעס

15 נומערן געזאַנג נאַטאַשא 15 נומערן געזאַנג

אָפּערעטע אין 3 אַקטן

לואיס קרעמער אַלס שמשון שימשינעוויטש | פלאָרענס וויים אַלס נ א ט א ש א | משה אוישער אַלס ה ע ר ש ל

צוזאַמען מיט דער גאַנצער קאָמפּאַני

קומט און זעט די שיינע פאָלקסטימלאַכע אָפּערעטע

אָרדערט שוין אייערע טיקעטס

זונטאָג אָוונט — א גרויסער קאָנצערט

היינט אויף דער ראַדיאָ

CKY 780
7.00—האַלבע שעה מיט אָנקל פרעד.
7.30—געשפּרעך פון באָרד אָף טרייד.
8.00—ראַדיאָ ברידזש גיים.
8.30—לאָונדרי פּראָגראַם.
9.00—פאַמיליע נאַכט פּיטשור.

CJGX 475.9
פלעמינג
5.40—מוזיק.
6.00—אָנקל פּיטער.
6.50—מוזיק.

CJRW 499.7
יאָרקטאָן
7.15—פאַרמערס פּריירי ראַדיאָ שעה.

WJZ 960
6.30—ניו יאָרק. סימפאָני. 40 שטימען כאָר.

WEAF 650
7.00—ניו יאָרק. קלאַסיקס.

WMAQ 870
7.00—שיקאַגאָ. פּאַרשייד. קאָנצערט.

WTAM 1070
7.30—קליוולאַנד. קאָנצערט פּראָגראַם.
8.30—קליוולאַנד. קאָנצערט אָרקעסטער.

WCCO 810
9.00—מינעאַפּאָליס, סט. פּאָל, קאָלסטער שטונדע.

WDAF 610
9.30—קענזאַס סיטי. קאָנצערט נומערן.

WMAQ 670
10.00—שיקאַגאָ. פּיטשור שטונדע. טאַנץ מוזיק.

WBAP 800
10.45—פאָרט וואָרט. קלאַסיקס.

WTMJ 620
10,50—מילוואָקי. טאַנץ מוזיק. אָרגאַן.

KBMC 950
11.00—קענזאַס סיטי. טאַנץ מוזיק.

WENR 870
11.20—שיקאַגאָ. פּאַרשייד. פּראָגראַם.

WBBM 770
12.00—שיקאַגאָ. טאַנץ מוזיק.

WLW 700
12.00—סינסינאַטי. מוזיק.

NEW PALACE THEATRE
היינט
דער העלד
א ריידנדיק מואָוויטאָן בילד, אויך
א ריידנדיקע קאָמעדיע — פאָקס
מואָוויטאָן נייעס

אין פּעלעס טעאַטער

היינט ווערט געוויזן אין פּעלעס טעאַטער דאָס שפּאַנענדע בילד "דער העלד", א דורכאויס ריידנדיק מואָוויטאָן בילד מיט א אָל סטאַר קעסט. דאָס דאָזיקע בילד איז געוויזן געוואָרן מיט דעם גרעסטן דערפאָלג אין אַלע גרויסע מואָווי טעאַטערס, און די פּעלעס טעאַטער פּאַטראָנירער וועלן זיכער הנאה האָבן פון דעם דאָזיקן בילד.

עס ווערט אויך געוויזן א שיינע ריידנדיקע קאָמעדיע און פאָקס מואָוויטאָן נייעס.

„נאַטאַשא" אין קווינס טעאַטער

אין קווינס טעאַטער וועלן היינטיקן פרייטאָג און שבת אָוונט אויפטרעטן צוויי נייע געסט. דאָס איז דער גוט באַקאַנטער אין וויניפּעג, מאָריס אוישער, וועלכער האָט דאָ געשפּילט מיט דערפאָלג, און די נייע לידינג ליידי, זינגערין און טענצערין, פלאָרענס וויים, צוזאַמען מיט לואיס קרעמער און דער גאַנצער קווינס טעאַטער טרופּע.

די צוויי געסט האָבן מיט זיך געבראַכט א ספּעציעלן פאַר זיי רעפּערטואַר פון די נייסטע פּיעסן וואָס ווערן איצט געשפּילט אין ניו יאָרק.

פרייטאָג און שבת אָוונט וועט אויפגעפירט ווערן צום ערשטן מאָל אין וויניפּעג די פאָלקסטימלאַכע אָפּערעטע "נאַטאַשא" מיט פופצן נומערן געזאַנג. דאָס איז איינע פון די שענסטע אָפּערעטעס פון דעם סעזאָן ביי וועלכער די קווינס טעאַטער פּאַטראָנייזער וועלן זיך העכסט אַמוזירן. מר. אוישער און פלאָרענס וויים, צוזאַמען מיט דעם גאַנצן אַנסאַמבל, דערוואַרטן א גרויסן עולם צו ביידע פאָרשטעלונגען.

טאָראָנטער נאָדל אַרבעטער באַשליסן צו סטרייקן

טאָראָנטאָ, יאַנו. 29. — די היגע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן האָבן באַשלאָסן מיט א גרויסער מערהייט אַרויסצוגיין אין סטרייק, כדי צו צווינגען די באַלעבאַטים אונטערצושרייבן אַן אָפּמאַך מיט דער יוניאָן. די אָפּשטימונג איז געווען 1.189 פאַר׳ן סטרייק, און בלויז 50 קעגן.

אידישער דאָקטאָר געטויט אין עקסידענט

לעמבערג, יאַנו. 29 (איטאַ). — דער אידישער דאָקטאָר זעלצער איז געטויט געוואָרן אין אַן אויטאָמאָביל עקסידענט, ווען ער איז געפאָרן צו באַזוכן דעם קראַנקן רבי מאַנגעראָוו.

משה מיטשולסקי ע״ה

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו דער פרוי און קינדער אין זייער גרויסן פאַרלוסט. מיר ווינשן זיי געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. וויסמאַן און פאַמיליע

„דאָס אידישע וואָרט"
די איינציגע אידישע צייטונג
אין מערב קאַנאַדע

Classified Section קלאַסיפייד סעקשען

ספּעציעלע פּרייזן פאַר אַדווערטייזינג אין דער קלאַסיפיצירטער אָפּטיילונג:

איין מאָל, 5 ס. פער "אַגייט לייַן" — פאַר 3 מאָנאַטן, $2.15 "
פאַר א וואָך, 20 ס. " — פאַר 6 מאָנאַטן, $4.00 "
פאַר א מאָנאַט, 75 ס. " — פאַר 1 יאָר, $7.50 "

:: צו פאַררענטן :: FOR RENT

צו סובלעטן א 4 רום סוויט, ערשטער פלאָר. עלעקטריק אויוון. פּריוואַטע באַלקאָני. אין קעמפּמאַנס אַפּטס. 640 סעלקירק עוועניו. ביליק רענט. זיך ווענדן אין 592½ סעלקירק עוו. טעלעפאָן 53 892.

א שיינע 9 רום הויז צו פאַררענטן אין 285 רעדוואָוד עוועניו. וועט זיך אָפּליידיקן דעם ערשטן מאַרץ. זיך ווענדן אין 285 רעדוואָוד עוועניו.

צו פאַררענטן אָדער צו פאַרקויפן א ליידיקע סטאָר מיט דריי רומס, אין א גוטן לאָקיישאָן. זיך ווענדן אין 282 רעדוואָוד עוועניו.

:: פּערזענלאַכעס :: PERSONAL

PROF. SCOTT 88 196
290 פּאָרטעדזש עוו. איבער לייסעאום טעאַטער
נייסטע בעסטע פאָקס טראָט און וואַלץ סטעפּס
קלאַסן און סטריקטלי פּריוואַטע לעסאָנס.
פולער קורס פון לעסאָנס $5.00

אַנדערוואָוד
טראַנגבאַרער—טייפּרייטער
4 בענק סטאַנדאַרד קיבאָרד
געשיקט אויף אַפּרוּוואַל
זייער לייכטע טערמס
UNITED TYPEWRITER CO. LTD.
Canada Bldg. Donald St.

אינשורענס
די עלטסטע און ראַיעלסטע לעבנס, פייער און אויטאָמאָביל קאָמפּאַניס.
ריל עסטייט
שנעלע, אָרנטלאַכע באַהאַנדלונג פאַר קויפער און פאַרקויפער. מאָרטגעדזשעס און לאָאַנס אונזער ספּעציאַליטעט.
שיפּס קאַרטן און געלט שיקונג
דורך "באַלטיק אַמעריקאַ ליין".
געשעפט געלעגנהייטן
דער גרעסטער אויסוואַל פון גוטע געשעפטן אין שטאָט און אין קאַנטרי.
עס וועט זיך אייך באַצאָלן זעען
ה. פּערלמאַן, י. יאַן, נ. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
796 Main Street Phone 51 000

העכסטע פּרייזן —
שנעלסטע צאָלונגען
פאַר
פאַרס, היידס און האָרס
העיר
ווען אין שטאָט
באַזוכט אונז אין אונזער נייעם פּלאַץ
R. S. Robinson & Sons
191 MARKET ST., EAST
Just East of Main Street
איסט פון מיין סטריט

אויב איר פאַרלאַנגט אינשורענס, און באָנדס פאַר אייגענער וועלכן צוועק.
אויב איר ווילט קויפן אָדער פאַרקויפן א פּראָפּערטי.
אויב איר דאַרפט קויפן אָדער פאַרקויפן א ביזנעס אין שטאָט אָדער אין קאַנטרי.
אויב איר נויטיקט זיך אין געלט אַלס מאָרטגעדזש אין א פּראָפּערטי, אָדער אויטאָמאָביל, אָדער דיסקאַנטירן אַגרימענטס.
אויב איר זוכט צו דינגען א הויז, א סוויט אָדער א סטאָר —
ווענדעט זיך צו אייער אַלט באַקאַנטער פירמע, וואו איר זייט זיכער צו קריגן די ראַיעלסטע און שנעלסטע באַדינונג.
Sheps Agencies Ltd.
804 מיין סטריט
טעלעפאָנס 55 761 און 53 807

ווען אין סאַסקאַטון
שטייט אין
WINDSOR HOTEL
1st Ave. and 20th St. E.
הייסע און קאַלטע וואַסער
יוראָפּיאַישער פּלאַן. באַקוועמע רייטס
דוד עלים, אייגנטימער

ווען אין רעדזשיינע
פאָרט אַליין.
איינגאַנצן פאַרמאַכטע קאַרס.
קומט. אָדער טעלעפאָנירט אונז
5778
U DRIVE CAR CO. LTD.
1711 Scarth St. J. A. Erskine, Mgr.

:: שטעלע פאַרלאַנגט :: SITUATION WANTED

א באָי מיט דריי יאָר עקספּיריענס אין דזשענעראַל סטאָר, זוכט א דזשאָב. רעדט רוסיש, דייטש און ענגליש. ווייליק צו אַרבעטן. גוטע רעפערענסעס. זיך ווענדן צו דאָס אידישע וואָרט באָקס 7031.

עקספּיריענסד קלערק פאַרלאַנגט א שטעלע. גוטער סטאָק קיפּער און סיילסמאַן. לאַנגע דערפאַרונג. בעסטע רעפערענסעס. זיך ווענדן צו ד. א. וו. באָקס 7005.

:: צו פאַרקויפן :: FOR SALE

צו פאַרקויפן א צוויי שטאָקיקע פריים געביידע, סטאָר און וואוינונג אויבן. 1583 מיין סט. 52½ פוס פראָנטעדזש, פּרייז $5,500. זיך ווענדן אין 450 מאָונטען עוו.

צו פאַרקויפן פאַרשיידענע הויז אַרטיקלען, כמעט ניי. זיך ווענדן אין 723 פּריטשאַרד עוועניו אָדער טעלעפאָן 53 609.

צו פאַרקויפן א סינגער ניי-מאַשין, קאָסט $85.00. כמעט ניי. מוז פאַרקויפט ווערן. פּרייז $35.00. טעלעפאָנירט 35 872.

שטייט! קוקט!

איצט איז די צייט צו קויפן לאָטס פאַר דעם סעזאָן. עס איז קיין צווייפל ניט אַז די פּרייזן וועלן שטייגן אין פרילינג. מיר האָבן גרויסע ביזנעס לאָטס אין דער נאָרט ענד און אין יעדן טייל פון שטאָט. מיר וואָלטן געווען צופרידן צו ווייזן אייך אונזערע לאָטס.

BOYLE-BOWLES REALTY CO.
205 Kensington Bldg.
Phone 24 061 Res. Phone 45 228

שוין אָנגעקומען דער רעקאָרד פון מאָריס שוואַרץ
א חזן א שיכור
מיר האָבן איצט איבער 300 אידישע און רוסישע שיינע דענס רעקאָרדס פאַרשיידענע סאָנגס צו
55 סענט א רעקאָרד
איר קאָנט דורך אונז שיקן
אַמעריקאַנער דאָלאַרן נאָך רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע, פּאַלעסטינע
און אַנדערע לענדער
אונזער סטאָר איז אָפן יעדן טאָג און זונטאָג ביז 11 אָוונט
עלקינס
National Book Store
441-443 SELKIRK AVE.

וועסטינגהאַוז ראַדיאָ
באַט ניט אָן קיין באַרגענס
אָבער גיט אייך דאָס מערסטע
אין ראַדיאָ ווערט



פּרייזן אַזוי נידעריק ווי
$111.50
אויב איר האָט נאָך ניט געהערט קיין וועסטינגהאַוז, וועלן מיר זיין צופרידן צו דעמאָנסטרירן עס פאַר אייך אין אייער אייגענער היים, אָן קיינע קאָסטן צו אייך.
מיר ווייסן אַז איר וועט זיין העכסט צופרידן מיט איר פּערפאָרמענס.
National News Ltd.
י. ל. בערמאַן דזשאָזעף גרינבערג
546 Main St. Phone 87 222

פרעגט פאַר —
סורים
קוילן
"געגראָבן אין דעם
ביינפעיט דיסטריקט"
$7.00 א טאָן
אַלע ראַיעלע דילערס
האָבן עס
פרעגט פאַר די פאָלגנדע
סטאַנדאַרד ברענדס:
קרעסענט — איסטערן
ביינפעיט — דאָמיניאָן
סילקסטאָן